גוט שבת אלע אידן. פון דער וואכעדיגער סדרה קענען מיר ארויסלערנען וויכטיגע יסודות וועגן מצוות בין אדם לחבירו. ווען יוסף הצדיק ע״ה האט זיך געוואלט מגלה זיין פאר זיינע ברידער, לויט רש״י און דער רמב״ן, האט יוסף ארויסגעשיקט אלע מצריים, כדי נישט צו פארשעמען זיינע ברידער. יוסף הצדיק האט געקענט אפשר האבן טענות אויף זיינע ברידער וועגן דעם וואס זיי האבן אים פארקויפט פאר א קנעכט. אבער יוסף הצדיק האט פארט נישט געוואלט פארשעמען זיינע ברידער. פון דא זעט מען דעם וויכטיגקייט פון זיין פארזיכטיג מיט יענעם, און אכטונג געבן נישט צו בעליידיגן יענעם. פארקערט, מיר דארפן אייביג זוכן צו מחיה זיין אידן. איז לאמיר דערציילן א מעשה וועגן דעם ענין.

עס ווערט דערציילט אסאך מעשיות וועגן דעם בלוזשעווער רבי ר׳ ישראל שפירא ז״ל. ער איז באקאנט געווען פאר זיין צדקות און נדיבות הלב מיט אלע אידן וואס ער האט געטראפן אין זיין לעבן. בעפאר די צווייטע וועלט מלחמה איז ר׳ ישראל געווען דער רב פון שטאט פראטשניק אין פוילען. אין תרצ״ב איז ער געווארן רבי אין דער שטאט. דורך די קומענדיגע זיבן יארן, האט ר׳ ישראל געפירט דעם חסידות אין זייער א הצלחהדיגע אופן.

אלעס האט זיך אבער געטוישט אין תרצ״ט ווען די דייטשע ימ״ש האבן איינגענומען פוילען. דער רבי האט געטוישט זיין שטריימל און בעקישע פאר דאס קליידונג פון א ארבעטאנט אין אין דעם דייטשע לאגער ״יאנוסקא.״ די דייטשע ימ״ש האבן געהרגט דעם רבי׳ן׳ס ברידער ר׳ אליעזר פון ריבטשעב הי״ד און ר׳ מאיר פון בלוזשעוו הי״ד.

דאס רשעות פון די דייטשע איז געווען אנגלייבליך. אסאך מענטשן האבן נעבאך פארלוירן זייער שכל ל״ע אין לאגער דורך זען דעם אכזריותדיגע אויפפירונג פון די דייטשע חיות ימ״ש. ר׳ ישראל האט אמאל געזען א שרעקליכע זאך. לכבוד דעם געבורטסטאג פון דער טאכטער פון דעם הויפט–אפיציר פונעם לאגער, האט דער אפיציר ספעציעל ארויסגעקליבן מענטשן צו הרגענען. אפילו ר׳ ישראל האט דאס אלעס געזען, האט ער ב״ה נאכאלס געגלייבט אין דעם באשעפער מיט אמונה שלימה.

ר׳ ישראל איז באפרייט געווארן פונעם דעם בערגען בעלזון לאגער יום א׳ פרשת אחרי–קדושים תש״ה. אינטער א יאר איז ער אנגעקומען קיין אמעריקע. ער האט גלייך מסדר געווען א בית מדרש וואו חסידים זענען צוביסלעך צוזאמענגעקומען ארום זייער רבין. ביז אפאר וואכן זענען שוין געקומען צו אים הונדערטע מענטשן צו נהנה זיין פון זיין עצות, צדקות און חסד. דעמאלט האט מען גערופן ר׳ ישראל דער ״פראטשניקער רבי,״ ווייל אזוי האט ער געהייסן פאר די מלחמה.

איין טאג איז געקומען צום ר׳ ישראל עפעס א רבי. ער האט מסביר געווען פאר ר׳ ישראל, אז עטליכע יארן פריער האט ער אליינס גענומען דעם טיטל אלס דער ״פראטשניקער רבי.״ ער האט געקלערט אויב עס וועט שטערען ר׳ ישראל אויב ר׳ ישראל וועט אפשר טוישן זיין טיטל, כדי יענער איד זאל קענען זיין דער איינציגסטער ״פראטשניקער רבי.״ יענער איד האט מסביר געווען לויט זיין פארשטאנד, אז וויבאלד אז ר׳ ישראל האט געהאט אזוי סאך חסידים, דאס טוישן זיין טיטל וועט נישט שאטן פאר זיין ״פאפולארקייט.״ אבער יענער איד האט געדארפט האבן דעם טיטל כדי צו האלטן דעם קליינעם מנין וואס ער האט נאר יעצט צוזאמענגעקליבן.

ר׳ ישראל האט עס דורכגעטראכט א מינוט צוויי. על פי יושר, וואלט ר׳ ישראל געקענט נישט מסכים זיין צו טוישן זיין טיטל, ווייל אזוי האט ער געהייסן פאר די מלחמה. אבער, מיט גרויס הכנעה און איידלקייט, האט ר׳ ישראל פארלאזט דעם טיטל אלס ״פראטשניקער רבי״ און ער איז געווארן דעם ״בלוזשעווער רבי.״ פארשטייט זיך אז יענער רבי איז געווארן מלא שמחה. יעדעס מאל וואס ר׳ ישראל האט זיך אויפגעפירט מיט רחמנות, האט ער געטראכט אז ער נעמט נקמה קעגען די דייטשע ימ״ש. ווייל די דייטשע האבן פרובירט אויסצולעשען די אידישע נשמה און צו מאכן חיות פן אידן, ח״ו. וועגן דעם איז עס געווען א נקמה ווייל דורך זיין רחמנות, האט ר׳ ישראל געוויזן אז די דייטשע ימ״ש האבן בכלל נישט מצליח געווען צו צעברעכן די אידישע נשמה דורך די שרעקליכע מלחמה יארן.

נאך א קורצע מעשה וואס ווייזט אויף ר׳ ישראל׳ס צדקות. איין מאל, אפאר יאר נאך די מלחמה, איז ר׳ ישראל געגאנגען אויפן גאס מיט ר׳ פינחס יאראסלאווער אין ברוקלין. ר׳ פינחס האט גערעדט וועגן זיינע קינדער. ער האט דערציילט וועגן יענער קינד וואס לערנט אין יענע ישיבה, און יענער קינד וואס לערנט און יענעם חדר, וכו׳. פלוצלינג, האט ר׳ פינחס זיך אפגעשטעלט ווייל ער האט זיך אנערגעקענט אז אפשר וועט דער בלוזשעווער באליידיגט ווערן, ווייל דער רבי האט פארלוירן זיין איין איינציגסטען קינד אין די מלחמה, און ער האט נישט געהאט קיין קינדער נאכדעם, ל״ע. ר׳ פינחס האט איבערגעבעטן דעם רבי׳ן מיט גרויס חרטה.

ר׳ ישראל האט געקוקט אויף אים און געזאגט, ״ר׳ פינחס, דו זאלסט נישט פילן שלעכט וועגן דעם... מיינע קינדער, דיינע קינדער, וואס איז דער חילוק? אבי עס זענען דא אידישע קינדערלעך!״ ר׳ פינחס איז נתפעל געווארן פון ר׳ ישראל׳ס צדקות און פעסטקייט אין אמונה. די צוויי מעשיות זענען נאר א דוגמה פון דאס גאונות פונעם בלוזשעווער רבי אין מצוות בין אדם לחבירו. דורך ליינען די מעשיות און געדענקען ווי יוסף הצדיק האט פרובירט צו ממעט זיין דעם שאנד פון זיינע ברידער, קענען מיר אלע ווערן בעסערע אידן.

גוט שבת אלע אידן.

נא לעיין בגליונות אחר התפילה ולא באמצע, כדי לזכות ולא להכשיל
לנדב גליון זה לרגל שמחה או אירוע אחר, נא להתקשר למתתי׳ וואלפבערג 3234–362 (845)